א ליכטיגן תמיד
אודיס
פנים מאירות
אנגעמען דאס לעבן - מיט א רואיגקייט
דורך אמונה שלום בטחון און שמחה

# אור הבוקר

יום ה' פרשת מטות-מסעי תשפ"ב

# לא תונו איש את עמיתו

## לא תונו איש את עמיתו; מוסר איז איין זאך - ווי טון איז א צווייטער זאך

**תוכן המאמר: א. לא תונו איש את עמיתו; זאגן מוסר און ווי טון פערזענדליך** / עס איז שווער פאר א ירא שמים צו רעדן געשמאק מיט א בעל עבודה / 'לא תונו' גייט ארויף אויך ווען עס קומט פון יראת שמים / ווען מען זאגט מוסר טאר מען נישט אינזין האבן קיינעם פון די אנוועזענדע פערזענדליך / דערשדעק נישט דעם עולם מיט די עונשים / איבערזאגן א ווארט וואס וועט יענעם צילן אין פינטל און איסור פון 'לא תונו' / נישט ווי טון יענער וואס גייט אין א שיטה אנדערש ווי דיין רבי / די הכנה צו חודש אב; מוותר זיין! **ב. רפאות תהיה לשרך; די תורה איז א רפואה לגוף ולנפש** / געהארגעט די שלעכטע מידה פונעם שלעגער / די תורה הקדושה איז א רפואה ברוחניות ובגשמיות! / **ג. מחלוקת איז קיינמאל נישט ריכטיג** / **ד. כי אתה שומע תפלת כל פה; מיד האבן זיך וואו צו ווענדן** / לאמיר פועל'ן ישועות!

# א

## לא תונו איש את עמיתו; זאגן מוסר און ווי טון פערזענדליך

הגה"ק רבי יהודה גרינוואלד זצ"ל פון סאטמאר (עיין ספר שבט מיהודה פרשת בהר ד"ה ולא תונו) זאגט א מורא'דיגע ווארט, עמוק עמוק, און דאס דארף מען גוט ארייננעמען אינעם מח, אינעם הארץ, אין אלע רמ"ח איברים ושס"ה גידים.

## עס איז שווער פאר א ירא שמים צו רעדן געשמאק מיט א בעל עבירה

עס שטייט אין פסוק 'ולא תונו איש את עמיתו' מען טאר נישט טשעפענען איינער דעם צווייטן, 'ויראת מאלקיך', זאלסט מורא האבן פונעם הייליגן באשעפער אני ה'. זאגט דער שבט מיהודה אזוי: עס איז דא אסאך מאל א ירא שמים, אן ערליכער איד, וואס די הארץ קאכט אים, ער זעט מענטשן וואס זיי זענען עובר אויף די מצוות פונעם אייבערשטן, ער זעט מענטשן וואס זיי טוען עבירות און עס קאכט אים, עס עסט אים אויף, עס רעגט אים אויף. און דאס איז גורם אז ווען ער רעדט מיט די מענטשן סתם א שמועס, נישט דווקא וועגן די עבירה, וויבאלד ער האט א רוגזא אויף די מענטשן, ער טראגט א שווערע רוגזא אויף די מענטשן, קומט אויס אז ווען ער רעדט צו זיי, רעדט ער שטעכעדיג, עס איז ווי ער נעמט א שווערד און שטעכט. אפילו ווען ער רעדט אנדערע זאכן ער קען נישט רעדן צו די מענטשן נארמאל מיט געפיל, מיט 'ואהבת לרעך כמוך'. זיי זענען דאך בעלי עבירה!!

## 'לא תונו' גייט ארויף אויך ווען עס קומט פון יראת שמים

זאגט דער שבט מיהודה, אויף דעם שטייט אין די תורה 'ולא תונו איש את עמיתו' אפילו 'ויראת מאלקיך', אפילו ווען די יראת שמים ברענט דיר, זאלסטו אויך נישט רעדן צו יענעם שטעכעדיג, און מצער זיין און ווי טון.

## ווען מען זאגט מוסר טאר מען נישט אינזין האבן קיינעם פון די אנוועזענדע פערזענדליך

ברענגט ער פונעם הפלאה, אז זיי האבן א צוואה פון זייער טאטען, אז ווען מען דרש'נט ברבים און מען זאגט מוסר, טאר מען נישט אינזין האבן מצער צו זיין דער עובר עבירה וואס ער זיצט יעצט דא, נאר מען דארף אינזין האבן ווען מען גיבט מוסר, אדער ווען מען געבט א דרשה פאר אידישע קינדער, אז מען טוט די רצון הבורא יתברך שמו, און מען זאגט מוסר פארן כלל ישראל, מען זאל נישט אינזין האבן גארנישט פערזענדליך קעגן קיין שום איד נישט, בשעת מען זאגט די מוסר אדער די ווארט, יענעם צו געבן א שטעך אריין, עס ליגט אינעם כלל פון 'ולא תונו איש את עמיתו ויראת מאלקיך'.

## דערשדעק נישט דעם עולם מיט די עונשים

זאגט ער ווייטער - דער שבט מיהודה - לכאורה איז שווער א קשיא 'ולא תונו איש את עמיתו' איז א לשון רבים, 'ולא תונו' איר זאלט נישט טשעפענען. און עס ענדיגט זיך מיט א לשון נוכח 'ויראת מאלקיך'?

נאר וואס דען די פסוק טוט אונז דא אנווארענען: ווען א מענטש גייט צו צי זיין חבר און ער זאגט אים: מיין טייערע חבר, דו ווייסט דאס וואס דו טוסט יעצט, דו זאלסט וויסן, דו דארפסט מורא האבן פון די עונשים וואס די מעשה וואס דו טוסט יעצט גייט ברענגען אויף דיר!

דאס טאר מען נישט טון! ווי די גמרא זאגט מען טאר נישט נושא דין זיין אויפן חבר. און ווען א מענטש זאגט די ווערטער "געדענק, אלעס וואס דו טוסט, וועסטו באשטראפט ווערן אויף דעם, אזעלכע מעשים ברענגען עונשים!". זאגט דער שבט מיהודה 'ולא תונו איש את עמיתו' זאלסט נישט טשעפענען איינער דעם צווייטן און זאגן 'ויראת מאלקיך' דארפסט מורא האבן פונעם אייבערשטן, דארפסט האבן א פחד פון די עונשים פונעם אייבערשטן. ניין! ביסט עובר אויף 'לא תונו' אויב דו זאגסט עס - פחד'דיגע ווערטער!

## איבעדזאגן א ווארט וואס וועט יענעם צילן אין פינטל אן איסור פון 'לא תונו'

עס מאכט זיך זייער אפט, ווען א מחנך רעדט צו זיינע תלמידים, אדער ווען עלטערן רעדן צו די קינדער ביי די שבת'דיגע טיש, אדער סתם אידן ווען מען זאגט איבער א תורה, ווען מען געבט א שיעור, ווען מען זאגט א דרשה, און מען ווייסט אז דארט זיצן אידן וואס זיי האבן עובר געווען אויף בין אדם למקום, צי בין אדם לחבירו - די טבע אנושי איז, אז טאמער מען טרעפט א גוטע תורה, וואס קען מיט דעם יענעם גוט אריינזאגן - האט מען עס אינזין בשעת מען זאגט עס, מען טראכט אריין אין דעם, און מען טוט ווי די מענטשן.

זאגט דער שבט מיהודה: ביסט עובר אויף 'לא תונו' - מען טאר נישט!

## נישט ווי טון יענער וואס גייט אין א שיטה אנדערש ווי דיין רבי

נאכמער, די טבע פון א מענטש איז, אז ווען א איד גייט אין א שיטה וואס איך האלט אז דאס איז נישט אויסגעהאלטן. און נישט ווייל איך האלט אזוי פערזענדליך, נאר ווייל מיין רבי האט אזוי געהאלטן, און מיין רבי'ס רבי האט אזוי געהאלטן. מיין טאטע האט אזוי געהאלטן, מיין זיידע האט אזוי געהאלטן. אבער דער איד האט א טאטע מיט זיידעס מיט רבי'ס, וואס זיי האלטן אנדערש. איז זייער שווער צו רעדן מיט די מענטשן אן קיין שטאך, אן קיין ווי טון.

זאגט דער שבט מיהודה: 'ולא תונו איש את עמיתו ויראת מאלקיך', מען טאר נישט טשעפענען איינער דעם צווייטן, אפילו ווען דו האסט אינזין יראת שמים. מוסר איז איין זאך, און שטעכן און נישט קענען רעדן צו א איד איז א צווייטע זאך. - הפלא'דיגע ווערטער!

די תורה הקדושה פאדערט פון אונז: ואהבת לרעך כמוך אני ה', און די תורה הקדושה גיבט אונז די כוחות מיר זאלן עס קענעןביישטיין, אונז זאל מיר קענען הארעווען אויף פנים מאירות אויף אמונה שלום בטחון און שמחה.

## מעשה בחסיד אחד

*א איד האט פארציילט זייער א שיינע מעשה, הפלא ופלא!*

*עס איז געווען א איד, וואס דער איד האט געוואוינט אין די זעלבע שטאט ווי זיין טאטע. ער האט געהאט נאך איין*

ברודער, דער אנדערער ברודער האט געוואוינט אין א צווייטע מדינה. דער ברודער וואס האט געוואוינט אין די זעלבע שטאט פון זיין טאטע, פלעגט קומען צו זיין טאטע און אים ארויסהעלפן עסן, טרינקן, העלפן מיט די שטוב ווערטשאפט, לייגן שלאפן. אזוי האט עס אנגעהאלטן א שטיק צייט.

דער טאטע איז צעביסלעך עלטער געווארן, עס איז געקומען איין טאג, לא עלינו ולא עליכם ולא על כל ישראל, דער טאטע האט באקומען א הארץ אטאקע. דער זון האט זיך אפגעגעבן מיט אים אין שפיטאל פאר א שטיק צייט. ווען מען איז ארויס פון שפיטאל איז אויסגעקומען אז דער טאטע קען שוין נישט טון גארנישט אליין. האט דער טאטע געזאגט פארן זון: מיין טייערער זון, דו זעסט דאך וואס דא טוט זיך, דו מוזט אויפהערן גיין אין די ארבעט, דו קענסט נישט זיין צו סאך אינדערהיים, דו מוזט דא זיין טאג און נאכט, די מערסטע וואס דו קענסט, סאך מער וויפיל דו קענסט, ווייל עס איז נישט דא קיינער ווער עס זאל מיר ארויסהעלפן!

דער איד טראכט ביי זיך: איך האב דאך א שטוב מיט קינדערליך קיין עין הרע, פרנסה מוז מען ברענגען, העלפן די ווייב אין שטוב מוז מען, די קינדער דארפן א טאטע. עס איז נישט בדרך הטבע ער זאל פיר און צוואנציג זיבן ,זיין יעצט ביי זיין טאטען אויף אזא לאנגע צייט. ער האט דאך געהאפט אז דער טאטע וועט מאריך ימים ושנים זיין בעזר השם ובס"ד.

ער איז אהיים געגאנגן, און ער האט עס איבער געשמועסט מיט זיין בני בית, און זיי דאווענען צום אייבערשטער: הייליגער באשעפער, מען מוז העלפן דעם טאטען, אבער וואס קען מען טון, אז עס איז נישט מעגליך אויף די וועג?!

ער גייט ארויס פון שטוב דאווענען פארטראכט, מיט תפילות און בקשות צום אייבערשטן, הורינו ה' דרכיך אהלך באמיתך... ער זעט א אינגערמאנטשיקל גייט א דורך. האט אים דער הייליגער באשעפער חונן דעת געווען, א בליץ! ער רופט צו דעם אינגערמאן און ער זאגט אים: דו האסט נאכנישט קיין פרנסה, דו האסט נאכנישט קיין גרויסע שטוב מיט קינדער, דו וועסט זיין מיטן טאטען א גרויס חלק פונעם טאג, וואס ער דארף ווען ער דארף, איך גיי דיך געבן כך וכך א וואך צו באצאלן פאר דיין שווערע ארבעט, אבער איך בעט דיך, זאלסט זיין געטריי פארן טאטען ווי א זון.

דער אינגערמאן האט מסכים געווען.

מען האט געברענגט דעם אינגערמאן צום טאטען. דער אינגערמאן האט זיך זייער אנגעווארעמט צום אלטן איד, דער אלטער איד האט זיך צוריק אנגעווארעמט צו דעם אינגערמאן. דער טאטע האט אבער נישט געוואוסט אז דער זון באצאלט עס, און דער זון שטייט העכער אלעם.

דער זון איז דאך געקומען א גאנצן צייט, דא און דארט, מאכן זיכער אז אלעס קלאפט. דער טאטע האט אבער נישט געוואוסט אז דער זון שטייט איבער אלעס. ווען דער זון פלעגט קומען, פלעגט אים דער טאטע זאגן: דער אינגערמאן איז געטרייער ווי דיר, געטרייער ווי אן אייגענער זון. דער זון האט געשמייכלט. ער האט פארשטאנען אז דער טאטע געבט א קאמפלימענט פאר דער אינגערמאן. אבער ער האט קיינמאל נישט געזאגט פארן טאטען, אז דער אינגערמאן קאסט געלט, ער האט אים נישט געוואלט וויי טון.

עס איז געקומען א טאג, דער נשמה איז ארויפגעגאנגן לחיי העולם הבא. מען איז געזעצן שבעה. נאך די שבעה האט

דער זון געעפנט די צוואה, און ער זעט אין די צוואה, אז דער טאטע האט איבערגעשריבן זיין הויז, זיין פארמעגן, אלעס, פאר דעם אינגערמאן וואס האט אים באגלייט די לעצטע שטיק צייט פון זיין לעבן. גארנישט האט ער נישט איבערגעלאזט פאר די קינדער, און פאר דעם קינד וואס האט באצאלט פאר דעם אינגערמאן, אויך נישט, גארנישט גארנישט! ער האט פארשטאנען די סיבה. יעצט כאפט ער, אז דער טאטע איז פשוט געווען בייז אז ער האט עס נישט געטון אליינס, ער האט גענומען א יונגערמאנטשיקל דערפאר, כאטש ער איז געווען זייער צופרידן.

דער איד האט געטראכט ביי זיך: וואס זאל ער טון דא? יעדער איינער פארשטייט אז ווען ער וועט גיין צו דין תורה און ער וועט מסביר זיין פאר די רבנים, אז בעצם האט זיין טאטע אים געמיינט, ער האט נאר נישט געוואוסט אז ער שטייט העכער אלעם, און ער האט באצאלט פאר דעם אינגערמאן, קען זיין אז אין דין תורה וועט ער געוואונען. ער טראכט אבער ביי זיך: איך וועל רופן דעם אינגערמאן צו דין תורה?! ער האט אזוי געטריי באדינט דעם טאטען, בכלל, ער וויל נישט גיין צו דין תורה, דער הייליגער באשעפער זאל אפהיטן, קריגעריי, מחלוקת, זיך קאכן... ער וויל נישט בשום אופן!!

ער דערמאנט זיך אז דער חזון איש האט געזאגט, אז פון מוותר זיין האט מען נישט קיין שאדן. און בעצם, עס איז נישט נאר א חזון איש, אסאך צדיקים האבן געזאגט די מימרא, עס איז מקובל ביי כלל ישראל מיט אן א שיעור מעשיות, וואס מען זעט, אז פון מוותר זיין האט מען נישט קיין שאדן מען האט נאר ריוח.

ער האט מחליט געווען: בשום אופן שבעולם נישט! ער זאגט פאר דעם אינגערמאן: דער טאטע האט אזוי געשריבן די צוואה, נעם די צוואה און גיי, האלט דיך מיט די הייזער, האלט דיך מיט די געלט! ער איז זיך מדבק אין הקדוש ברוך הוא און ער איז צופרידן.

דער אויבנדערמאנטער איד, האט ווי דערמאנט, געהאט א ברודער אין אן אנדערע מדינה. א יאר נאך די פטירה פונעם טאטען רופט אים אן זיין ברודער, און ער דערציילט אים: דו ווייסט, איך האב פאר דיר א גוטע בשורה.

וואס איז?

ער האט געקויפט א לאטערי וואס האט געהאט זייער אסאך געלט דערינען, און ער האט אינזין געהאט ביים קויפן, אז טאמער דער הייליגער באשעפער העלפט ער געווינט די לאטערי, אזוויוי זיי האבן ביידע נישט באקומען קיין ירושה פונעם טאטען, אויב ער געווינט די לאטערי, געבט ער האלב פאר זיין ברודער, ער וויל זיך טיילן מיטן ברודער כאילו דאס איז זייער ירושה. מה עשה הקדוש ברוך הוא? ער האט געווינען די לאטערי! ער האט געווינען מיליאנערס! ברודער טייערע: האלב איז דיינס!

דער ברודער האט אויסגערעכנט וויפיל געלט ער וועט באקומען נאכן זיך צעטיילן האלב אויף האלב מיט זיין ברודער, און עס איז אויסגעקומען סאך און אסאך מער געלט, ווי ער וואלט ווען באקומען לכתחילה פון זיין טאטען׳ס ירושה, און ווער רעדט נאך, אויב ער וואלט עס באקומען נאכן גיין אין דין תורה, וואלט אראפגעגאנגן פון די ירושה אויך פאר די הוצאות פון די ירושה. און יעצט מיטן מוותר זיין, לעבט ער בשלום, און ער האט נאך פארדינט סאך און אסאך מער פון די ירושה! א הפלא ופלא׳דיגע מעשה!

### די הכנה צו חודש אב; מוחל זיין!

ראש חודש אב איז די יארצייט פון אהרן הכהן. דאס קומט מרמז צו זיין, די הכנה פון די ניין טעג איז מוותר זיין פארן כלל ישראל, אלעס מוותר זיין. לאמיר צוזאמען זאגן: הרינו מקבל עלי מצוות עשה של ואהבת לרעך כמוך! הייליגער באשעפער, איך בין יעדעם מוחל בלב שלם מיט מיין גאנצער הארץ, איך בין אויף קיינעם נישט ברוגז, אלעס בין איך מוותר, איך האב ליב דיינע קינדער, איך האב ליב אלע אידן צוגלייך. הייליגער באשעפער העלף, אז מיום הוולדי עד עתה, אלע אידן וואס האבן אויף מיר א שווערע הארץ זאלן מיר מוחל זיין, זאלן מוותר זיין פאר מיר, און הייליגער באשעפער, די עיקר פון אלעם, זיי מוחל דיינע קינדער, און ברענג שוין משיח צדקינו, און ביז דערווייל פארשרייב פאר אונז לעכטיגקייט, פרייליכקייט, השפעות טובת, עשירות ברוחניות ובגשמיות, הרחבת הדעת, נחת דקדושה ברוחניות ובגשמיות.

# ב

## רפאות תהיה לשרך; די תורה איז א רפואה לגוף ולנפש

### געהארגעט די שלעכטע מידה פונעם שלעגער

אמאל איז א בעל עגלה אנגעקומען אויף שבת פרשת מסעי אויף צאנז, און די גבאים האבן אים נישט געוואלט געבן קיין עליה, 'א פראסטער מענטש, וואס דארף ער אן עליה?!'... אבער דער הייליגער צאנזער רב האט זיך פאר'עקשנ'ט אז ער וויל אים דווקא געבן אן עליה, און ער האט געענדיגט די עליה מיט די פסוק 'מות יומת הרוצח'...

יעדער איינער ווייסט, אז ביים לייענען איז מען זייער מקפיד, און מען פראבירט אויפן שענסטן אופן, קיינמאל נישט צו ענדיגן די לייענען ביי א נישט גוטע זאך. שטענדיג זוכט מען א דבר טוב. אבער אזוי האט דער הייליגער צאנזער רב געענדיגט פאר דעם בעל עגלה.

מוצאי שבת האבן די חסידים נישט געוואלט מיט אים אהיימפארן, ווייל דער צאנזער רב האט געענדיגט מיט אים 'הרוצח', אז ער איז א רוצח האט מען מורא געהאט צו פארן מיט אים.

א פאר וואכן שפעטער, האט דער בעל עגלה פארציילט, אז ער האט געהאט זייער א שווערע מידה, ער פלעגט ווערן אין כעס, און ער פלעגט מקל'ען די קינדער, ער האט געשלאגן, ער פלעגט זיך נישט קענען איינהאלטן פון שלאגן די קינדער. אבער פון דעמאלסט ווען ער איז געווען ביים צאנזער רב, און צאנזער רב האט געענדיגט 'מות יומת הרוצח', איז אוועקגעגאנגען די שלעכטע מידה, ער שלאגט שוין נישט.

דעמאלסט האט מען שוין פארשטאנען וואס די כוונה פונעם הייליגן צאנזער רב איז געווען, מיטן

ענדיגן ביי אים די פסוק 'מות יומת הרוצח', לאמיר אוועק הארגענען די מידת הרציחה פון דעם איד, לאמיר אים אריינגעבן א מידה פון רחמים וחסדים. און דאס איז געווען א ברכה, און דער איד האט טאקע זוכה געווען דורך די ברכה פונעם הייליגן צאנזער רב, אויסצורייסן פון זיך די מדה פון שלאגן, פון זיין א שלעגער.

### די תורה הקדושה איז א רפואה ברוחניות ובגשמיות!

פון די מעשה זעט מען, אז ווען מען לערנט תורה נביאים וכתובים, מען לערנט חז"ל, מען זאגט תהלים, מען לערנט ספרי מוסר וחסידות, דאס היילט. עס היילט אויס א מענטש.

עס זענען דא מענטשן וואס זיי זאגן: ער האט שוין געלערנט מוסר, מוסר ווערט ביי אים נישט העלפן, עס ארבעט נישט היינט! - עס ארבעט, אבער איינמאל ארבעט עס! די תורה הקדושה האט אין זיך אלע רפואות ברוחניות ובגשמיות, עס היילט תכונת הנפש, אלע נאטורן ווערן אויסגעארבעט, אלע שוועריגקייטן גייען אוועק. די תורה הקדושה היילט כל מיני מחלות ברוחניות ובגשמיות, דאס איז אונזער אמונה פשוטה!

## ג

## מחלוקת איז קיינמאל נישט ריכטיג

די וואך שטייט, אז ווען די בני גד ובני ראובן און חצי שבט המנשה האבן געבעטן אז זיי ווילן באקומען ארץ סיחון ועוג, האט משה רבינו בשום אופן עס נישט געוואלט געבן פאר זיי, נאר נאכדעם וואס די אנדערע שבטים גייען אריין אין ארץ ישראל, זיי האלטן מלחמה, זיי ענדיגן די מלחמה, זיי באזעצן זיך, און דעמאלסט קען ער עס באשטיין צו געבן פאר בני ראובן און בני גד און חצי שבט המנשה. אבער זיי האבן עס נישט אנגענומען. זיי האבן זיך איינגע'טענה'ט מיט משה רבינו, אונז וועלן טאקע ארויפגיין, אבער איך וויל זאלסט אונז שוין יעצט געבן די עבר הירדן.

זאגט דער ספורני, משה רבינו האט געטראכט ביי זיך, עס גייט דא ווערן א מחלוקת - מסכים! ענק קענען עס באקומען! די סיבה פארוואס 'ויתן להם משה' - משה רבינו האט זיי עס נאכגעגעבן, זאגט דער ספורני - ווייל משה רבינו האט נישט געוואלט פירן קיין מחלוקת. משה רבינו האט מוותר געווען אויף וואס ער האט געהאלטן אז עס איז ריכטיג, ווייל מחלוקת איז קיינמאל נישט ריכטיג! קוקט נאך דעם ספורני אינעווענדיג.

## ד

## כי אתה שומע תפלת כל פה; מיר האבן זיך וואו צו ווענדן

ביי די ערשטע וועלט מלחמה, זענען נעבעך אסאך אידן און להבדיל אסאך גוים, געווען רעקרוטירט אין די מיליטער. איינמאל האט א גויאישער סאלדאט באמערקט אויף א אידישער סאלדאט, אז ער האט זייער אן אינטערעסאנטער מנהג. ווען ער האט צייט גייט ער אין א ווינקעלע, און די מויל שאקלט זיך אים. דער גוי האט זיך זייער געוואונדערט, ווייל ער האט

געקענט דעם סאלדאט, און ער האט געוואויסט אז ער איז א קלוגער איד, ער איז גארנישט א נאר. וואס טוט ער דארט?

איז ער צוגעגאנגן צו דעם איד, און ער בעט זיך ברחמים: "פארצייל מיר וואס טוסטו אין דעם ווינקל א גאנצן צייט?!".

האט אים דער אידישער סאלדאט, א אידישע נשמה קדושה וטהורה, געזאגט: אזויווי דו ווייסט אז איך בין א איד, עס איז זייער א שווערע מלחמה, יעדער איז מורא'דיג באזארגט, מען ווייסט נישט מה יולד יום, מען ווייסט נישט פון איין רגע אויפן צווייטן וואס דא גייט זיין, עס איז א שווערע מצב, זייער א שווערע מלחמה, עס גייט הין און צוריק, עס איז פחדים נוראים. איך האב אבער א טאטע אויבן אין הימל, אבינו רועינו, דער מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, ווען איך האב צייט רעד איך צו מיין טאטע אין הימל, איך בעט ביי אים, איך דאווען צו אים, איך שמועס מיך אויס מיט אים. און דו ווייסט, איך האב אמונה פשוטה אז דער הייליגער באשעפער איז שומע תפילת כל פה, דער הייליגער באשעפער איז מקבל אונזערע תפילות ברחמים וברצון. און זאלסטו וויסן, יעדעס מאל איך גיי אין א ווינקל און איך שמועס מיך אויס, איך דאווען מיך אויס, איך געב אויס מיין הארץ פארן אייבערשטן, שפיר איך, עס ווערט מיר לייכט, אראפ מיט די דאגה, אראפ מיט די קרעכצן, אראפ מיט די זארגן, אלעס איז גוט, עס איז פיין, ברוך השם. איך בין אין די האנט פון הקדוש ברוך הוא!

האט דער גוי געזאגט: אוי בין איך דיר מקנא! דו האסט ווער עס זאל דיר בארואיגן! דו האסט וואו זיך צו ווענדן! דו האסט אזא אמונה! אזא התקרבות להקדוש ברוך הוא!

## לאמיר פועל'ן ישועות!

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער: ערב ראש חודש איז אן עת רצון, אונז האבן א טאטען אין הימל, וואס ער הערט אונזערע תפילות, ער הערט אונזער הארץ געשרייען. לאמיר זיך אויסוויינען, לאמיר זיך אויסבעטן, לאמיר פועל'ן ישועות פאר אידישע קינדער, לאמיר אונז פועל'ן ישועות פאר די צער גלות השכינה, לאמיר אונז מקבל זיין אויף זיך צו זיין באמת חברים כל ישראל, לאמיר אונז מקבל זיין אויף זיך צו לעבן אין אמונה שלום בטחון און שמחה, מיט פנים מאירות, פיר און צוואנציג זיבן, נישט קיין חילוק אין וועלכע מקום, אין וועלכע זמן, אין וועלכע מצב. דער הייליגער באשעפער זאל שיקן כל מיני ישועות, כל מיני ברכות, כל מיני הצלחות, בשורות טובות ישועות ונחמות, די תפילות זאלן נתקבל ווערן ברחמים וברצון, פועל'ט אלעס גוטס, און א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי' רצון.

צו ערהאלטן **אונזערע גליונות** יעדע וואך, שיקט צו:
gilyonospm@gmail.com

## אור לנתיבתי

# וואס איז די אויפטו פון מיטשפירן 'צער השכינה'?!

**איינער האט אנגעפרעגט, ובפרט עס קומט יעצט די דריי וואכן, אין זייער אסאך פלעצער זאגט מען תיקון חצות, צי אינמיטן טאג, צי אימיטן די נאכט, אפילו די וואס זאגן נישט אינמיטן די יאר. בכל אופן, אונז ווייס מיר, אז יעדער איד דארף זיך משתתף זיין בצער השכינה. סיי די צער פון חורבן בית המקדש, די צער פונעם גלות, אדער בכלליות, ווען עס איז דא צער פון אנדערע אידן, וואס דאס איז דאך א צער פארן שכינה. יעדער מענטש דארף מיטשפירן די צער פונעם הייליגן באשעפער, עס דארף אים ווי טון די צער פון באשעפער. פארוואס דארף דער אויבערשטער, מיר זאלן שפירן מיט אים, מיר זאלן משתתף פעולה זיין מיט אים, דער אויבערשטער דארף עפעס צוקומען צו דעם בשר ודם? ממילא א מענטש, א בשר ודם, ער דארף אז א צווייטער זאל אנערקענען אין זיינע יסורים, פארשטייט מען, דאס איז די נאטור פון א בשר ודם, פון א מגושמ'דיגער מענטש, אבער ווי קומט עס כביכול צום הייליגן באשעפער?**

תשובה: וואס איז די חילוק צווישן אונז און די פריערדיגע דור, וויאזוי האט אויסגעקוקט די דריי וואכן, און וויאזוי האט אויסגעקוקט אלול און תשרי, וויאזוי האט אויסגעקוקט די ימי הספירה, און וויאזוי האט אויסגעקוקט די ימי פורים ופסח, וויאזוי האט אויסגעקוקט ראש השנה און יום כיפור, וויאזוי האט אויסגעקוקט סוכות און שמחת תורה, און וויאזוי האט אויסגעקוקט הושענא רבה, און וויאזוי האט אויסגעקוקט א חנוכה. די אמאליגע דור וואס האט געלעבט מיטן אויבערשטן במחשבה דיבור ובמעשה בלי הפסק, האט מען געקענט זען אויף די ערליכע אידן, ובפרט אויף די גדולי הדור, וועלכע טאג פון יאר עס איז, האסט געקענט זען אויף אים צו היינט איז א פרייליכע טאג, היינט איז א ווייטאגליכע טאג, היינט איז דא אזא סארט מצוה, און היינט איז דא אזא סארט מצוה, היינט איז דא אזא סארט עבודה, היינט איז דא אזא סארט עבודה.

מען האט עס געזען אויפן צורת הפנים, אויפן תנועת הגוף, אויף די וועג פון רעדן, פון טראכטן, פון באוועגונג.

פארוואס? און פארוואס היינט איז עס נישט אזוי?

די תשובה אויף דעם איז: ווייל די תכלית וואס א איד איז אראפגעקומען אויף די וועלט איז: ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כולכם היום - כדי מיר זאלן קענען אנקומען צו תכלית השלימות, כדי מיר זאלן קענען טון אונזער תפקיד פארוואס דער אויבערשטער האט אונז אראפגעשיקט אויף די מגושמ'דיגע וועלט, און נישט געלאזט אונזער נשמה אויבן, ליהנות מזיו השכינה, אן קיין שום נסיונות און שוועריגקייטן.

פארוואס האט אונז דער אויבערשטער אראפגעשיקט? ווייל דער אויבערשטער וויל, אז א איד, דא אויף דער וועלט, זאל זיין פונקט ווי די מלאכים שרפים וחיות הקודש, פונקט ווי די צדיקים פון יענע וועלט, וואס זענען נהנה מזיו השכינה. דער הייליגער באשעפער וויל, אז אונז, דא אויף די מגושם'דיגער וועלט, זאלן מיר זיך שטארקן, מתגבר זיין, און נהנה זיין מזיו השכינה.

די וועג וויאזוי מען איז נהנה פון די שכינה הקדושה, וויאזוי א מענטש איז דבוק אין די שכינה הקדושה, כדי מיר מגושמים זאלן דאס פארשטיין, איז עס מיט די אופן וואס רופט זיך 'מיטגעפיל'.

פונקט אזוי ווי דו פארשטייסט, אז חלילה וחס, ווען א מענטש האט א צרה, ווער איז די מערסטע אריינגעמישט אין זיין צרה? ווי נאנטער מען איז. איז עס זיין ווייב, איז זי די מערסטע אריינגעמישט אין זיין צרה, צי די מאן צו די ווייב. די קומענדיגע זענען די קינדער, די קומענדיגע זענען די עלטערן, די קומענדיגע זענען די זיידעס און די באבעס, און אזוי ווייטער, משפחה, חברים. אבער עס ריקט זיך צעביסלעך ווייטער און ווייטער. די גאר נאנטע זענען ממש א חלק פון די יסורים.

פארוואס ביסטו א חלק פון די יסורים, דו האסט נישט די יסורים? די תשובה איז: איך האב יא די יסורים, ווייל אז מיין זון, מיין טאטע, מיין מאן, מיין ווייב, מיין ברודער, מיין שוועסטער, האט יסורים, האב איך יסורים.

נמשל:

דביקות הבורא ברוך הוא. אויב מיר שפירן מיט די צער השכינה, די שמחת השכינה. אויב מיר שפירן מיט יעדע מצוה, ווען א מענטש לייגט תפילין, וואס טוט זיך אפ אויבן אין הימל, און מיר ווערן א חלק דערפון, מיר ווערן דבוק אינעם אויבערשטער מיט די ציצית, דאס מאכט אז א מענטש זאל נישט פארלירן זיין תפקיד, זיין תכלית, און ער זאל נישט דינען און פאשען זיין גוף, און זיך אריינפאשענען און אריינפלאנטערן אין די אלע עולם הזה'דיגע זאכן.

דורכדעם וואס מיר שפירן, מיר לעבן מיט מיטן אויבערשטער. דאס איז טייטש 'נאנטקייט-התקרבות'.

ווען א מענטש גייט אדורך שווערינקייטן, און נישט זיינע עלטערן און נישט זיינע געשוויסטער, נישט זיינע קינדער, מאכן זיך וואוסנדיג, שפירט ער זיך דערווייטערט, שפירט ער זיך אליין ווי א שטיין, ער איז צעבראכן, ער קען עס נישט אויסהאלטן. פארוואס דארף ער עס? וואס קענען זיי אים העלפן? דאס איז א דביקות, דאס איז א באהאפטנקייט, דאס איז א קשר. ק"ו בן בנו של ק"ו, אונזער קשר מיטן אויבערשטן.

ממילא, איז די אמאליגע דור, וואס איז געווען מקושר מיטן אויבערשטן, זיי האבן נישט זיך גערינט, כביכול, מיר ווען עס אנרופן, זיי האבן געזארגט דער אויבערשטער זאל האבן תפילה, דער אויבערשטער זאל האבן תורה, ערליכע אידן, דער אויבערשטער זאל האבן תיקון המידות, דער אויבערשטער זאל האבן קדושה וטהרה, עס זאל זיין אויף די וועלט די אלע מצוות הבורא. פארוואס? ווייל זיי האבן אזוי ליב דעם אויבערשטען, זיי זענען אזוי דבוק צום אויבערשטער, דאס איז די וועג וויאזוי מען גיבט עס ארויס, דאס איז די וועג וויאזוי אונז בשר ודם קענען עס ארויסברענגען. נישט אז דער אויבערשטער דארף עס פון אונז, דער אויבערשטער האט עס פאר אונז געגעבן א מתנה, כדי מיר זאלן זיך קענען אין אים מדבק זיין, דארפן דארף דער אויבערשטער פון אונז גארנישט גארנישט, די גאנצע תכלית הבריאה איז, ווייל דער אויבערשטער וויל גוטס טון פאר אונז, טיילן מתנות פאר אונז, מיר זאלן קענען צוריקקומען מיט דביקות הבורא ממדירגה למדירגה.

**מען קען הערן תשובות בכל תחומי החיים אויפן ליניע אויף קנעפל: 511.**

**קול פנים מאירות**

שיעורי כ"ק מרן אדמו"ר מפנים מאירות סיקסא שליט"א

**צענטראלע נומער:** 845-414-0076

**א"י:** 072-370-1823 | **ענגלאנד:** 0330-350-3190 | **ארגענטינע:** 5411-2152-7691

| **אנטווערפן:** 323-346-0673 | **מאנטריאל:**438-228-2500

**פרישע שמועסן אויף די ליניע (קנעפל: 01):**

- זיי נישט קיין שנארער.
- אונזער תפקיד אין גלות (סעודת שלישית פ' מטות מסעי).
- די פנימיות פון די טעג זענען רחמים (ליל שישי פ' מטות מסעי).
- גוטע מדות ברענגט אהבה ח"א און ח"ב.